# טייל 610 אפט געפרעגטע פראגעס פאר טענענטס
# (Yiddish)

**וואס איז טייל 610?**
טייל 610 פון די פריוואטע וואוינונג פינאנץ געזעץ (Private Housing Finance Law, PHFL) איז א נייע געזעץ וואס ערלויבט אייגנטומער פון ביליגערע וואוינונג פראיעקטן מיט טענענט-באזירטע אדער פראיעקט-באזירטע רענטעל הילף צו נעמען די פולע רענטעל סאבסידי סומע, אפילו אויב עס איז העכער די לעגאלע רענט, אן אפעקטירן די סומע וואס איר דארפט באצאלן.

פאר יוניטס מיט א CityFHEPS, FHEPs, אדער HASA סאבסידי, קען די רענט סומע נישט זיין מער ווי (1) די צאלונג סטאנדארט פאר די בארעכטיגטע יוניט מאס אדער (2) די צאלונג סטאנדארט פאר די בארעכטיגטע הויזגעזונט מאס (וועלכע סומע ס'איז די ווייניגסטע).

ביטע זייט וויסן אז די דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (Department of Social Services, DSS) איז נישט די אגענטור וואס באשטעטיגט 610 פארלאנגען. DSS פירט דורך די לעגאל ערלויבטע רענט העכערונג אונטער טייל 610 איינמאל די טייל 610 פארלאנג איז באשטעטיגט געווארן.

**וועלכע סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (DSS)/יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (Human Resources Administration, HRA) סאבסידיס מעגן באקומען טייל 610?**
אייער לענדלארד קען זיין בארעכטיגט צו באקומען א טייל 610 אמענדמענט אויב איר באקומט איינע פון די פאלגנדע רענט סאבסידיס:

- סיטי באקעמפן היימלאזיגקייט און ארויסווארפן פארמיידונג סופלעמענט (City Fighting Homelessness and Eviction Prevention Supplement, CityFHEPS)
- פאמיליע היימלאזיגקייט און ארויסווארפן פארמיידונג סופלעמענט (Family Homelessness and Eviction Prevention Supplement, FHEPS)
- HIV/AIDS סערוויסעס אדמיניסטראציע (HIV/AIDS Services Administration, HASA)

**וועט טייל 610 טוישן די סומע רענט וואס איך דארף באצאלן פאר מיין לענדלארד?**
ניין. טייל 610 וועט נישט אפעקטירן די סומע וואס איר דארפט באצאלן פאר אייער לענדלארד.

**וואס איז אויב מיין רענטעל סאבסידי ענדיגט זיך?**
אויב אייער רענטעל הילף ענדיגט זיך און איר וואוינט נאך אין דעם זעלבן יוניט, קען אייער לענדלארד בלויז בעטן פון אייך איינע פון די פאלגנדע רענט סומעס (וועלכע עס איז נידריגער):

- די פריעדיגע לעגאלע רעגולירטע רענט. דאס איז די רענט וואס איז לעגאל באשטימט געווארן פאר אייער יוניט איידער די רענטעל הילף האט זיך אנגעהויבן; **אדער**
- די רענט וואס איר האט באצאלט גלייך פאר די רענטעל הילף האט זיך אנגעהויבן, אויב עס איז געווען נידריגער ווי די לעגאלע רעגולירטע רענט; **אדער**
- סיי וועלכע נידריגערע רענט געפאדערט דורך א רעגולירטע צושטימונג. דאס מיינט אז אויב זענען דא ספעציפישע צושטימונגען אדער רעגולאציעס וועלכע פאדערן פון אייער לענדלארד אייך צו רעכענען א נידריגערע רענט סומע, מוז אייער לענדלארד רעכענען די נידריגערע סומע פון אייך.

(מישט דעם בלאט)

**וואס דארף מיין לענדלארד טון צו קענען באקומען א טייל 610 העכערונג?**

געוואנדן אין וועלכע אגענטור פארמאגט זייער געזעצליכע צושטימונג, מוזן אייגנטומער אריינגעבן אפליקאציע צו:

- ניו יארק סיטי וואוינונג, אנהאלטונג און אנטוויקלונג דעפארטמענט (Department of Housing Preservation and Development, HPD); <u>אדער</u>
- ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון וואוינונג און קאמיוניטי באנייאונג (Division of Housing and Community Renewal, HCR); <u>אדער</u>
- ניו יארק סיטי וואוינונג אנטוויקלונג קארפאראציע (Housing Development Corporation, HDC)

אייער לענדלארד וועט געמאלדן ווערן אויב א פארלאנג פאר א טיל 610 אמענדמענט איז געווארן בארעכטיגט אדער נישט.

דער אייגנטומער וועט ארבעטן מיט דעם אגענטור צו אמענדירן די גילטיגע געזעצליכע צושטימונג. בלויז פראיעקטן מיט גענצליך אויסגעפירטע צושטימונג אמענדמענטס וועלכע נעמען אריין די טייל 610 שפראך זענען בארעכטיגט צו נעמען די העכערע רענטעל הילף סומע העכער די לעגאלע רענט באשטעטיגט דורך די רענטעל סאבסידי.

אייער לענדלארד <u>מוז</u> אייך געבן א נייע ליעס וואס נעמט אריין די HCR טייל 610 ליעס ריידער וואס באשטעטיגט אז מען האט אייך געמאלדן איבער אייערע רעכטן אונטער טייל 610.

**נאך מיין לענדלארד באקומט א בארעכטיגונג פאר מיין געביידע, קען איך אריינגעבן די טייל 610 העכערונג פארלאנג פאר מיין יוניט צו HRA?**

- **<u>CityFHEPS</u>**

  אויב איר האט CityFHEPS, קענט איר אריינגעבן די טייל 610 דאקומענטן דורך Access HRA אדער דורך אימעיל'ן אייער אפליקאציע צו באנייען צו CityFHEPSRenewals@hra.nyc.gov.

- **<u>HASA</u>**

  אויב איר באקומט FHEPS אדער א HASA רענט סאבסידי, ביטע שיקט אריין די דאקומענטן צו אייער קעיס מענעדזשער אלס טייל פון אייער נייע-דירה אדער ליעס-באנייאונג פעקל.

  ביטע נעמט אין אכט אז אייער לענדלארד קען נישט באקומען די העכערונג ביז די <u>קומענדיגע</u> ליעס באנייאונג נאך די טייל 610 בארעכטיגונג.

- **<u>FHEPS</u>**

  אויב באקומט איר א FHEPS רענט סאבסידי, ביטע גיבט אריין די דאקומענטן צו א בענעפיטן צוטריט צענטער (Benefits Access Center, BAC) אדער דורך AHRA אלס א קעיס טויש. ביטע נעמט אין אכט אז א FJEPS טויש ווערט נישט פארלאנגט פאר טייל 610 העכערונגען און קען ווערן באשטעטיגט ביי אייער BAC.

  די לענדלארד קען אויך אריינשיקן די פארלאנג דירעקט צו FHEPSrentincrease@hra.nyc.gov.

  ביטע נעמט אין אכט אז אייער לענדלארד קען נישט באקומען די העכערונג ביז די <u>קומענדיגע</u> ליעס באנייאונג נאך די טייל 610 בארעכטיגונג.

**(מישט דעם בלאט)**

**וועלכע דאקומענטן דארף מען האבן פאר די טייל 610 העכערונג?**
מען מוז האבן די פאלגנדע דאקומענטן:

1. פולקאם ארויסגעגעבענע נייע ליעס. די אגענטור וועט **<u>נישט</u>** אננעמען א ליעס מיט האנט-געשריבענע טוישן וואס זענען פארבינדען מיט טייל 610.

2. קאפיע פון די ניו יארק סיטי ליעס ריידער פאר רענט סטאביליזירטע טענענטס [Rent Stabilized Lease Notice to Tenants - Rights Concerning Legal Rents and Higher Actual Rents (RA-LR1)].

   מען קען באקומען די ניו יארק סיטי ליעס ריידער פאר רענט סטאביליזירטע טענענטס אויף: https://hcr.ny.gov/tenant-owner-forms

3. קאפיע פון די HCR טייל 610 ליעס ריידער [Rent Stabilized Lease Notice to Tenants – Rights Concerning Legal Rents and Higher Actual Rents (RA-LR3)].

   מען קען באקומען די HCR טייל 610 ליעס ריידער אויף: https://hcr.ny.gov/tenant-owner-forms

4. בארעכטיגונגס בריוו פון די באפולמעכטיגטע אגענטור (צום ביישפיל: NYC HDC ,NYC HPD, NYS HCR ,NYS וואוינונג פינאנץ אגענטור [Housing Finance Agency, HFA]).

   ביטע באמערקט: א פארראכטענע קאנטראלירנדע אפמאך וועט נישט ווערן אנגענומען אנשטאט די באשטעטיגונג בריוו. א באשטעטיגונג בריוו פון די גאווערנינג אגענטור ווערט פארלאנגט אפילו אויב א פארראכטענע קאנטראלירנדע אפמאך איז אריינגעגעבן געווארן.

5. א לענדלארד יוטיליטי אינפארמאציע בויגן (**DSS-8q**). מען מוז האבן די בויגן בלויז אויב אייער סאבסידי איז CityFHEPS אדער FHEPS, איר האט ארויסגעמופט איידער 2021, און אייער רענט איז קיינמאל נישט צוגעפאסט געווארן צו א יוטיליטי עלאוענס.

   מען קען באקומען די לענדלארד יוטיליטי אינפארמאציע בויגן אויף: https://www.nyc.gov/assets/hra/downloads/pdf/cityfheps-documents/DSS-8q-(E)-FILLABLE.pdf

6. <u>אויב אייער לענדלארג גיבט אריין</u> די טייל 610 העכערונג פארלאנג, מוזן זיי אויך שיקן די טייל 610 טענענט אינפארמאציע איבערזיכט (**DSS-52b**) ספרעד-שיט.

   <u>אויב איר (די טענענט) גיבט אריין</u> די טייל 610 פארלאנג, ווערט די טענענט אינפארמאציע איבערזיכט נישט פארלאנגט.

   מען קען באקומען די טייל 610 טענענט אינפארמאציע איבערזיכט אויף: https://www.nyc.gov/site/hra/help/rental-assistance.page